בפרט און די אלגעמיינע אפשאצונג פון די מפרשים בכלל (פרק כ"ב). דער רמב"ם, וועלכער האט געשטרעבט אפשאפען דעם תלמוד, איז זעלבסט געווארען א מין תלמוד.

דער רמב"ם איז פיל שטודירט געווארען אין אלע דורות, ניט נאר פון לומדים, נאר אויך אין עלעמענטארער ערציהונג האט דעם רמב"ם'ס משנה תורה פארנומען א וויכטיגען פלאץ (פרק כ"ג). די העברעאישע שולע האט ווירקליך געדארפט איינפיהרען מעהר רמב"ם אנשטאט תלמוד אין די עלעמענטארע און העכערע שולען.

אן אינטערעסאנטער פרק איז דער „רמב"ם אין דער אפשאצונג פון די דורות". ער הויבט אן מיט דער באקאנטער פראזע „ממשה עד משה" און זעצט פארט מיט פאקטען וועגען דעם רמב"ם, ווי אן אנגענומענער הלכה־אויטאריטעט פון די ספרדים; די התפעלות פון די משכילים און פילאזאפען. ער ברענגט אויך די התנגדות פון זיינע געגנער און זייער שארפע קריטיק, וועלכע האבען ניט פארשוויגען דעם רמב"מ'ס כפירה. אינטערעסאנט איז, אז דער רמב"ם, וועלכער איז געווען אן אויסגעשפראכענער געגנער פון קבלה, איז פארוואנדעלט געווארען אין א מקובל אין אפשאצונג פון מקובלים און חסידים. ער ציטירט אויך אפשאצונגען פון רמב"ם פון די שרייבער און געלעהרטע פון די לעצטע דורות, ווי זיין מאדערנער מפרש שלמה מיימון, זיינע געגנער אברהם גייגר און שמואל דוד לוצאטא, ווי אויך שלמה יהודה ראפאפארט און פרץ סמאלענסקין. ער פארענדיגט דעם פרק מיט אן אויסצוג פון וואונדערבארען ארטיקעל פון אחד העם „שלטון השכל" (פרק כ"א).

ווי עס איז צו ערווארטען זיינען פאראן אויך לעגענדעס וועגען רמב"ם. אזעלכע גרויסע פערזענליכקייטען ווערען א צענטער פון לעגענדעס. די אידישע תלמודישע לעגענדע האט ליב פארצושטעלען איהרע גרויסע חכמים ווי פארגרעבטע עם־הארצים אין זייער יוגענד. ר' אליעזר הגדול איז געווען א פשוט'ער פארמער, ר' עקיבא אן אונוויסענדער פאסטוך. אויך דער רמב"ם איז געווען אי א שלעכטע קאפ אי א קליינער וועלער.

נאר פלוצים, ווען ער איז פארטריבען פון זיין פאטער'ס הויז מיט א זידעל־ווארט „בן הקצב", האט ער פלוצים דערשפירט א רוח חכמה און איז געווארען א תלמיד פון ר' יוסף אבן מיגאש און האט ערשטוינט שפעטער זיין אייגען פאטער מיט זיין תורה.

משה רבינו האט זיך באוויזען צום רמב"ם אין חלום און איהם געגעבען א „יישר־כח" אויף זיין משנה תורה.

די מחלוקת צווישען רמב"ם און ראב"ד האט פאראינטערעסירט די לעגענדע.

אויך האט דעם רמב"מ'ס טויט פארנומען א פלאץ אין לעגענדע. דרייסיג אראבישע גזלנים זיינען איבערגעפאלען זיין ארון. די טרעגער זיינען אנטלאפען. די אלע שטארקע גזלנים האבען אבער ניט געקאנט ריהרען דעם ארון פון פלאץ (פרק כ"ד).

ווי די ראשי פרקים באווייזען איז דער ספר אינהאלטסרייך. זעלבסטפארשטענדליך, אז דאס בוך קאן ניט פארנעהמען דעם פלאץ פון רמב"מ'ס ווערק. געוויס שעפט ער ניט אויס אלץ, וואס קען געזאגט ווערען וועגען רמב"ם אפילו פון ריין ביאגראפישען און היסטארישען שטאנדפונקט. א שאד אויך, וואס דאס בוך האט ניט קיין געקליבענע ביבליאגראפיע וועגען רמב"ם אין העברעאיש און אין אנדערע שפראכען (א פאלקאמע ביבליאגראפיע פאדערט ביכער). דאס בוך איז אבער וויכטיג פאר'ן אינטעליגענטען לעזער און שילער פון די העכערע שולען, וועלכע וועלען געפינען אלץ, וואס איז נויטיג צו וויסען וועגען רמב"ם אין אריגינעלער שפראך פון די מקורות, אין שעהנער געבוידע און זאכליך באלויכטען. דער ספר איז א ווירדיגער חבר צו „ישראל בגולה" און א גוטער ביטראג צו דער רמב"ם ליטעראטור.

---

**ש. ניגער**

## א שרייבער, וואס שמייכעלט

**יהושע פערלע: „אידען פון א גאנץ יאהר"**

פארלאג ה. בזשאזא, ווארשע, 1936. 460 זייטען.

דאס בוך הויבט זיך אן מיט „א געוויין פון קעץ הינטער'ן פענסטער". נישט קיין פרייליכער אנהויב. אינ'ם צווייטען ז... דערצעהלט דער העלד, א קליין אינגעל: „כ'בין געלעגען מיט'ן פנים צום טאטענ'ס פלייצע און איינגעאטעמט אין זיך דעם ז... ערען ריח פון זיין האריג שווער ליב". נישט קיין געשמאק... ריח. ווייטער דערצעהלט ער: „דער טאטע האט הויך געשנארכ... פארגאנגען זיך מיט א געדרעהט בארכלען, אזוי ווי ער וואל... געגארגעלט אין האלז א שטיק לייבעין". באלד נאך דעם שט... לייבעין קומט א מעשה נורא מיט דער מאמעס א זוהן פון איה... ערשטען מאן. דער זוהן ווערט קראנק. די מאמע וויינט, י... מערט, רייסט־אייך וועלטען. מען נעמט־צו דעם זוהן אין שפ... טאל. עס העלפט ניט. דער בחור שטארבט. שלעכט . . . א... ס'איז א צער, האט זיך מיר געדוכט, נישט נאר אויף דער מא... מען. ס'איז א רחמנות, האב איך געטראכט, אויפ'ן שרייבע... און אויף די לעזער אויך. אויב עס איז שוין אויף די ערשט... זייטלעך אזוי טרויעריג — קעץ וויינען, א קינד שטארבט, — הייכט וואס וועט זיין שפעטער? דאס בוך, האב איך געכאפ... א קוק צום סוף, האט פיר הונדערט מיט זעכציג זייטען. א... אויב ס'איז טאקע אזא ביטערע געשיכטע, וועט זי דאך מוז... ווערען, וואס ווייטער, אלץ שווערער, אלץ אומעטיגער . . . וועט'ס א לעזער מיט א שוואך הארץ קאנען פארטראגען? און ווי אי... טראכט אזוי, לייענענדיג, די גאר נישט פרעהליכע טראכטעניש... ערשט דער הימעל הויבט זיך אן אויסצולייטערען, אינ'ם ט... פון יאמער און געוויין ווערט ליכטיגער, און איך דערזעה, א... מענדל, דער אינגעל, וואס דערצעהלט די מעשה, האט מ... אפגענארט. ער איז גאר ניט קיין פאראומערטע נשמה. פאר... קערט, ער איז א פרעהליכער יאט. ער האט אין זיך עפעס פ... מאטעל פייסע דעם חזנ'ס אינגעל. איי־וו... האט ער אונז אזוי שווער געמאכט אויפ'ן הארצען? דאס ה... ער מיט א כיון געמאן, מיר זאלען דערפיהלען נאך א גרעסער... דערלייכטערונג פונ'ם דינעם שמייכעל, וואס לייכט־אויף או... זיינע ליפען. באלד נאך זיין שטיפברודער'ס טויט... עס דא... זיין די לויה — ארום שווארצען טויער פון שפיטאל הויבען ז... אן זאמלען אידען — און... עס ווערט פרעהליכער. מענד... וועלכער איז, ווי מיר וויסען שוין, איצט א גלגול פון של... עליכם'ס מאטל און (לאמיר גלייך צוגעבען) פון בערגע... סאנ'ס פענעק, האט א פאר שארפע אויגלעך, אויך א ... טען זכרון — דערמאנט ער זיך: „אז איך בין געקומען צולויפ... צום שפיטאל, איז דאס שווארצע טויער געווען פארשלאס... צוויי לאנגע אידען מיט געדיכטע בערד האבען איינגע'טענה... מיט א גוי. עטליכע ווייבער האבען געטופעט מיט די פיס אויפ... שניי. א הונט, א קודלאטער, אן אויסגעקראכענער, האט ג... שמעקט צו די פאלעס פון די צוויי אידען." דאס איז נאר ... אריינפיר — א פאמעלאכדיגער איבערגאנג צו קאמישקייט. נאכ'ן אריינפיר פון די צוויי לאנגע אידען מיט די געדיכ... בערד, מיט דעם קודלאטען, אויסגעקראכענעם הונט, וו... שמעקט צו זייערע פאלעס, הויבט זיך אן מענדל־מאט... פענק'ס דערצעהלונג, — א דערצעהלונג וואס וואלט באמ... טאקע געווען זעהר אומעטיג אדער זעהר נודנע, ווען עס ...

טיפּישער קליינבירגערליכקייט, אבער זיי זעהען אויס ניט ווי א פעלד מיט זאנגען פון איין מין, נאר ווי א גארטען מיט א סך פארשיידענע בייטען און מיט אהן א שיעור געוויקסען, קאלירען, ריחות, געשמאקען . . .

און אט דא, דוכט זיך מיר, ליגט דער באזונדער ווערט, וואס פערלע'ס בוך האט פאר דעם איצטיגען מאמענט אין דעם לעבען פון דער ליטעראטור.

גראד איצט איז נויטיג צו דערמאנען די לעזער און די שרייבער, אז די סביבה איז ניט־אלץ און אז דאס סאציאלע באאיינפלוסט־זיין, די געזעלשאפטליכע קאנדיציאנירטקייט פון דעם מענשען איז ניט דער גאנצער מענש. גראד איצט, ווען צוליב דעם אויפגעשטורעמטען וואלד פון גרופען־אינטערעסען און קלאסען־אנטאגאניזמען, זעהט מען נישט די ביימער, איז נויטיג אנצוצייכענען יעדען בוים באזונדער און ווייזען ווי ער רוישט און שוויגט, בליהט און פארוועלקט און בליהט ווידער אויף זיין אייגענעם שטייגער.

„אידען פון א גאנץ יאהר" איז אין דעם זינען א צייט־בוך. — א בוך, וואס דערמאנט דער עפּאכע אן עפּעס, וואס זי האט פארגעסען אדער האלט אין פארגעסען, א בוך, וואס זאגט דעם דור עפּעס, וואס ער וויל נ י ט הערען . . .

דאס איז ניט די געוואוינליכע דעפיניציע פון צייט־ליטעראטור. אבער טאקע דערפאר איז נויטיג אויף איהר אנצוּווייזען. מיר האבען גענוג שרייבער, וואס געהען־מיט מיט דעם „גייסט פון דער צייט". עס זיינען נויטיג אויך אזעלכע, וואס זאלען געהן אן א זייט אדער פאראויס און זוכען צו באאיינפלוסען די סביבה, נישט נאר ווערען פון איהר באאיינפלוסט. עס איז נויטיג א צייט־ליטעראטור, וואס, צוליב גלייכגעוויכט, זאל זי שטעלען די טראפּ אויפ'ן ווארט ל י ט ע ר א ט ו ר, בעת אנדערע אקצענטירען דאס ווארט צ י י ט.

א מאניפעסטאציע פון אט דעם מין ליטערארישער אקטואליטעט איז פערלע'ס „אידען פון א גאנץ יאהר".

עס וואלט אבער נישט געווען, וואס עס איז, ווען עס זאל זיך נישט אויסצייכענען מיט יענעם מילדען הומאר, וועלכער איז פריהער דערמאנט געווארען. עס וואלט געווען א קליין בוך, נישט נאר א בוך פון קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגה'ס, ווען דער שרייבער זאל נישט האבען קיין שמייכעל אויף די ליפּען. דאס וואלט געווען א דערצעהלונג פון א קליינבירגער, ניט נאר א דערצעהלונג וועגען קליינבורזשואזיע, ווען עס זאל זיך נישט פיהלען, אז דער דיכטער שטעהט אן א זייט, שטעהט און גיט־אכטונג, שטעהט און ווינקט־צו צום לעזער:

— זעהסט אט די קופּע מילבען? באנוגען זיך נישט מיט באטראכטען די גאנצע קופּע. קוק זיך צו צו יעדען מילב באזונדער. עס לוינט זיך צוצוקוקען. וועסט שארפען דיין אויג. וועסט זעהן אהן א שיעור קאלירען. וועסט זיך דערוויסען, אז עס איז נישט אלץ גרוי, ווי עס דוכט זיך פון ערשטען בליק . . . דיין חוש הראיה וועט פיינער ווערען און — אויך דיין געהער. וועסט זיך אויסלערנען הערען אויך די שטילערע שטימען פון שטילע לעבענס, נישט נאר דעם טומעל פונ'ם גרויסען יאריד. און דער עיקר — וועסט זיך אויסלערנען שמייכלען. וועסט זיך עס אויסלערנען פון מיין מ ע נ ד ל ע ן, דעם אינגעל, וואס מיט זיין מויל דערצעהל איך אט די אלע זאכען און זאכענישען.

מענדל ש מ י י כ ע ל ט א י נ ע ו ו י י נ י ג א י ן ז י ך. דערמיט איז ער אנדערש פון זיינע עלטערע ליטערארישע חברים — מאטל און פענעק. מאטל לאכט. ער האלט זיך איין, אזוי ווי שלום עליכם אליין, אבער ער לאכט פארט. ער לאכט, ווייל לאכען איז געזונט, דאקטוירים הייסען לאכען. א היבש ביסעל אנדערש איז בערגעלסאנ'ס מאטל־פענעק. פענעק לאכט אויך, אבער ער לאכט מיט ביטערקייט, מיט בייזקייט;

ער חוזק'ט, ווייל בערגעלסאן, וועלכער איז געווארען א פּ טארישער שרייבער, הייסט איהם חוזק מאכען פון אל איז גוט פראלעטאריש . . . פערלע'ס מ ע נ ד ל חוזק'ט נ און לאכט נישט: ער שמייכעלט. ער שמייכעלט אינעווייניג א זיך. ס'איז אבער גענוג אט דאס אינעווייניגסטע שמייכל נישט אריינגעצויגען צו ווערען אין אט דעם שטראם פון קלי ליכע אינטערעסען, קליינע ליידען און ליידענשאפטען, וועל ער באשרייבט. עס איז גענוג אט דאס אינעווייניגסטע שמיי לען צו פיהלען זיך ווי אביסעל א זייטיגער און צו קאנען א זעהן און אלץ פארשטעהן, אויב נישט אלץ פארגעבען.

פערלע'ס מענדל איז אנדערש פון בערגעלסאנ'ס פענ אויך דערמיט, וואס מענדל באנוגענט זיך מיט פאקטען. לאזט זיך ניט אריין, ווי פענעק, אין חקירה'ס און פירושים. איז, אזוי ווי פערלע אליין, א שווייגעדיגער אבסערוואטאר, בנ פענעק איז, ווי זיין שאפער, בערגעלסאן, אן אגיטאטאר.

דאס איז די מעלה פון יהושע פערלע'ס „אידען פון א גא יאהר" אדער, ווי שלום עליכם האט זיי גערופען, קליינע מענש לעך מיט קליינע השגה'ס; דאס איז אויך דער חסרון פונ בוך: עס האט נישט קיין א י ד ע ע.

עס האט א צ י ל: אויסמאלען פאר אונז א גאנצע ג לעריע קליינע מענשעלעך, אידען, אידינעס און קינדער געוועהנליכען מין און ווייזען אונז זייערע פארשיידענע פּנים' ווי אויך זייער אינעווייניגס לעבען, זייערע געפיהלען און דאנקען, זייערע טראגעדיעס און קאמעדיעס, — אויסמאלען מיט אזעלכע כאראקטעריסטישע שטריכען, אז זיי זאלען או זעהן צו זיין פּארטרעטען אדער קאריקאטורען פון לעבעד מענשען . . . דאס איז פערלע'ס ציל — און א קינסטלער זיך שטעלען אזא ציל. אבער זעלטען ווען אן אמת'ער שרייב באנוגענט זיך מיט אט דעם קונסט־ציל. ער האט ג אויך אן עטישע אידעע. ער שאצט אפּ דאס לעבען, וואס מאלט; מיט'ן מאלען אליין באנוגענט ער זיך ניט. ריכטיג ער שילדערט עס אזוי, אז אינ'ם אופן פון זיין שילדערען, א פארב־טאן, אין דער כאראקטעריזירונג, פיהלט זיך זיין אי ווייניגסטע באציהונג צו דער וועלט, זיין ניט־פארמולירטע דעאלאגיע, אויב איהר ווילט עס אזוי אנרופען . . . ביי יה פערלע'ן איז אזוי ווי נאר ניטא קיין סימן פון „אידעאלא קייט". עס זיינען פאראן מעהר סימפּאטישע און ווינציגער פּאטישע פּארשוינען, עס שפּילען זיך אפּ ריהרענדע סצענעס גראטעסקע, שעהנע און מיאוס'ע זאכען ווערען אפּגעטאן, א אט די אלע מאמענטען פון אינדירעקטער עטישער אפּשא וואקסען ניט אויס אין בוך ביז צו דער רייפקייט פון א שטימטער לעבענספילאזאפיע, ביז צו דער ווירקונגס־קר פון אן עטיש־קינסטלערישער סוגעסטיע . . . עס איז שווער א צו וויסען, וואס ענטפערט דער שרייבער אויף אזא אלגעמי פראגע, ווי אשטיינער: וואס איז, סוף כל סוף, דער מענ — א מ ע נ ש אדער אלץ נאך א חיה? פערלע באהאלט הינטער דעם שטומען שמייכעל פון זיין הומאר־פולען אב טיוויזם.

אבער אט דער שמייכעל, מעג ער זיין ווי שטום, אי דער הומארלאזער צייט, אין וועלכער מיר לעבען, א געווינ די ליטעראטור איז אין אונזערע ניט־שמייכלענדיגע טע מיט אנגעצויגענקייט און טומעל, ס'איז עפּעס אזוי ווי א י וואו אלע שרייען, וואו יעדער איינער וויל אימיצען א שרייען. איז אפשר גארניט אזוי שלעכט צו טרעפען א מע וואס שטעהט א ביסעל אן א זייט, קוקט — און שט

---

צווישען די קלענערע שטריכען, וואס כאראקטער יהושע פערלע'ס שרייבען אין „אידען פון א גאנץ י

